א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת תולדות

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### זאגן 'ויתן לך' אין מוצאי שבת

א שטארקע קאמף טרעפן אין אונזער פרשה צווישן די כוחות הקדושה מיט די כוחות הטומאה - צווישן דער שר פון יעקב צו דעם שר פון עשו.

די קאמף, וואס האט זיך געענדיגט מיט א שטארקן זיג פאר יעקב ווען ער האט באקומען די וואונדערליכע ברכות כדי עס איבער געבן פאר זיינע קינדער ווייטער, האט געדארפט באשטימען דעם עתיד פון כלל ישראל אין די קומענדיגע צייטן, אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער פארוואס האט זיך יעקב געראנגלט מיט אלע זיינע כוחות כדי זוכה צו זיין צו די ברכות.

די וואונדערליכע ברכות וואס מיר האבן צו זיי זוכה געווען דורך די כח פון יעקב אבינו באגלייטן אונז ביזן היינטיגן טאג. ספעציעל דערקענט זיך עס מיטן איינהאלטן דעם מנהג וואס האט זיך שטארק צושפרייט ביים כלל ישראל אין לויף פון די דורות, צו זאגן יעדן מוצאי שבת די קאפיטל פון 'ויתן לך' מיט נאך פסוקים פון ברכה.

לאמיר פראבירן נאכגיין דער מקור פון דעם מנהג:

דער 'טור' שרייבט (או"ח רצה): "מ'פירט זיך צו זאגן [אום מוצ"ש] פסוקים פון ברכה, צ.ב.ש. "יִפְתַּח ה' לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב" (דברים כח יב) כדי עס זאל אריינגיין א ברכה אין די באשעפטיגונגען". נאך שרייבן די ראשונים ('אבודרהם' סדר מוצ"ש, 'המנהיג' שבת סי' עה ועוד) אז מ'זאל זאגן נאך הבדלה די פסוקים 'ויתן לך' און נאך אנדערע פסוקים פון ברכה וואס דאס איז א גוטע סימן אויף הצלחה, אז שוין פון אנהויב וואך זאל מען מצליח זיין אין אלע טוהונגען.

נאך א פריערדיגן מקור אויפן זאגן 'ויתן לך' קענען מיר טרעפן אין **זוהר הקדוש** אין די הקדמה (דף יד ב): ווער עס ווארט צו נישט צו מאכן הבדלה ביז ווען דער עולם וועט ענדיגן צו זאגן 'ובא לציון', די רשעים פון גיהנום בענטשן אים **מיט די אלע ברכות וואס דער ציבור זאגט** - "וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹהִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם" (כז כח), און אויך: "בָּרוּךְ אַתָּה בָּעִיר וּבָרוּךְ אַתָּה בַּשָּׂדֶה" (דברים כח ג).

**רבי חיים וויטאל** ברענגט אויף זיין גרויסן רבי' **דער אר"י** ז"ל אז ער פלעגט זיך פירן צו זאגן אום מוצאי שבת די פסוקים און די בקשות פון 'ויתן לך' כדי אנצוהויבן די וואך מיט פסוקים פון רצון און ברכה ('פרי עץ חיים' שבת דף קה) און אין **'סידור האר"י'** ברענגט ער אז פון זוהר זעהט אויס אז מ'דארף זאגן די פסוקים 'ויתן לך' בציבור אין שוהל און אזוי האט זיך געפירט דער אר"י ווען ער האט געדאוונט מיט די אשכנזים.

#### אנהויבן די וואך מיט א ברכה

חז"ל זאגן אין מדרש (ב"ר סו ג): "ויתן לך... יתן לך ברכות ויתן לך כבישן", וואס ד.מ. "השי"ת וועט דיר געבן די ברכות און אויך די אויסגעטרויטעטענעם וועג צו דעם", טייטש דער **'חידושי הרי"ם'** די ווערטער פון די מדרש געבויעט אויף די הלכה וואס ס'שטייט אין גמרא (ב"ב עא א) אז דער וואס גיט פאר זיין פריינד א מתנה א גרוב [פון וואסער] אינמיטן זיין פעלד - גיט אים אויך די וועג אנצוקומען צו די גרוב, ווייל מיר האבן א כלל: 'דער וואס גיט א מתנה - גיט עס מיט א גוטע אויג', אזוי אויך ווען דער אויבערשטער גיט אונז די ברכות, גיט ער אונז אויך די וועג וויאזוי מיר זאלן צו דעם זוכה זיין.

לויט די ווערטער, זאגט זיין איניקל דער **'שפת אמת'** כלפי די מתנה פון שבת: דער אויבערשטער האט זיך נישט באגענוגט מיט דעם וואס ער האט אונז געגעבן דעם שבת וואס איז א "מתנה טובה יש לי בבית גנזי" (שבת י ב), נאר ער האט אונז אויך געגעבן די וועג אנצוקומען צו דעם - דאס זענען די זעקס טעג פון די וואך וואס דעמאלטס גרייטן מיר זיך אן צו קענען אויפנעמען די הייליגקייט פון דעם שבת וואס קומט.

לויט דעם קענען מיר פארשטיין די טעם פון זאגן 'ויתן לך', ווייל באלד ווען די שבת ענדיגט זיך בעהטן מיר - אזוי ווי די מדרש זאגט - 'ויתן לך', אז מיר זאלן זוכה צו באקומען די ברכה פונעם קומענדיגן שבת, און די וועג צו דעם, דאס איז די דורך די ששת ימי המעשה ('שפת אמת' תרמ"ח).

נאך א טעם אויפן זאגן 'ויתן לך' ברענגט **רבי משה מֶעט** א תלמיד פונעם **מהרש"ל** געבויעט אויף וואס דער 'רוקח' זאגט, אז פון די פסוקים וואס ס'שטייט אין ישעיה (נו ו-ז): "כָּל שֹׁמֵר שַׁבָּת מֵחַלְּלוֹ ...וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי", איז געדרונגען אז באלד מוצאי שבת דארף מען זאגן אין שוהל פסוקים פון פרייד צ.ב.ש. 'ויתן לך' וכו' ('מטה משה' עמוד העבודה תקא).

נאך א טעם שטייט אין **'ליקוטי מהרי"ח'** (ח"ב עמ' פ) בדרך 'אפשר', אז די פוסקים זאגן אז די צוויי מלאכים וואס באגלייטן דעם מענטש שבת ביינאכט, וואס איינער פון זיי איז דער שר פון עשו, קערן זיך נישט צוריק צו זייער פלאץ ביז מוצאי שבת. און מיר טרעפן (רש"י לב כז) אז יעקב האט נישט אפגעלאזט דעם שר פון עשו ביז ווען ער האט זיך מודה געווען אז די ברכות פון יצחק זענען זיינס, ווען דעם אויך אונז בעפאר מיר שיקן אוועק מוצאי שבת דעם שר פון עשו דערמאנען מיר פאר אים די ברכות און ער מוז מסכים זיין.

הרה"ק **רבי יחיאל מאיר פון גאסטינין** זי"ע האט געזאגט א טעם אויף דעם מנהג, ווייל ווען די קדושה פון שבת גייט אוועק, שטארקט זיך באלד דער ס"מ און וויל בייקומען דעם מענטש, אזוי ווי ס'איז מרומז אין די פסוק (בראשית כז ל): "וַיְהִי אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב... [ד.מ. די בחי' פון קדושה] וְעֵשָׂו אָחִיו [דאס איז די בחי' פון טומאה] בָּא מִצֵּידוֹ". וועגן דעם האט מען מתקן געווען צו זאגן אין די צייט 'ויתן לך' וואס אויסער עס ליגט אין דעם א ספעציעלע ברכה קעגן עשו, האט עס אין זיך אויך די כוחות פון תורה און תפילה כדי צו קענען מכניע זיין דעם כח פון עשו וואס שטארקט זיך אין מוצאי שבת ('נטעי אשל').

> **אמן אויף די תפילה פון יצחק**
>
> "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ" (כה כא)
>
> רש"י זאגט: "יצחק איז געשטאנען אין איין ווינקל און האט געדאוונט, און רבקה איז געשטאנען אין א אנדערע ווינקל און האט געדאוונט".
>
> בדרך אפשר קען מען זאגן אז רבקה האט געגלייבט און זיך פארלאזט אויף די תפילה פון יצחק, און זי האט געענטפערט 'אמן' נאך זיין בקשה, און דורך דעם האט זי צוגעברענגט אז די תפילה פון יצחק איז אנגענומען געווארן.
>
> א רמז אויף דעם קענען מיר האבן פון דעם וואס די ראשי תיבות פון "אשתו כי עקרה" באטרעפט 91 אזוי ווי די גימטריה פון אמן.
>
> 'דברי ישראל' (מאדזשיץ) פרשת תולדות

#### א סגולה אויף פרנסה

עס איז באקאנט אז דאס זאגן 'ויתן לך' אום מוצאי שבת איז א סגולה אויף פרנסה, און דער **רבי ר' מענדעלע פון רימאנוב** האט געזאגט: 'דער וואס זאגט נישט 'ויתן לך' אין מוצאי שבת - ווייס איך נישט פון וואו ער נעמט זיין פרנסה אין לויף פון די וואך...' ('עטרת מנחם' אות קצא). און אין ספר **'סגולות ישראל'** ('מערכת פ אות כ) ברענגט ער אין זיין נאמען אז עס איז בעסער אז צוויי זאלן עס זאגן צוזאמען.

א רמז אויף די סגולה קענען מיר לערנען פון דעם וואס דער **'בעל הטורים'** צייכנט צו אין אונזער פרשה אויפן פסוק (כז לה): "בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִּקַּח **בִּרְכָתֶךָ**", אז אין תנ"ך טרעפן מיר נאך איינמאל די ווארט 'ברכתך' - אין תהלים (ג ט): "עַל עַמְּךָ **בִרְכָתֶךָ** סֶּלָה"; און מ'קען טייטשן, אז אין די זכות פון 'בא אחיך במרמה ויקח **ברכתך**', האבן די אידן זוכה געווען אויף די ברכות אויף אייביג, אזוי ווי עס שטייט 'על עמך **ברכתך** סלה' (זמירות 'אור אש' למוצ"ש).

מ'דערציילט אז איינמאל ווען דער גביר ר' אפרים פישל שטויבער פון פעטריוווא איז געווען ביים **'חקל יצחק'** פון ספינקא אויף א שבת, איז מוצאי שבת ווען דער חקל יצחק האט געזאגט די פסוקים פון 'ויתן לך' זאגנדיג די פסוק (דברים כח יב) "יִפְתַּח ה' לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב... וְהִלְוִיתָ גּוֹיִם רַבִּים וְאַתָּה לֹא תִלְוֶה", האט ער עס געזאגט אביסל העכער ווען ער דרייט אויס זיין קאפ צו די ריכטונג פון ר' פישל.

דערציילט מען, אז יענע וואך איז אים אונטער געקומען א אויסטערלישע געשעפט וואס פון דעם האבן זיך פארצווייגט זיינע געשעפטן, ביז ער האט אויפגעשטעלט א גרויסער באנק און עס איז מקויים געווארן ביי אים די פסוק 'והלוית גוים רבים ואתה לא תלוה' ('תשית לראשו' עמ' ריד).

## א ספעציעלע סגולה אויף שמירה פון דער הייליגער מהרש"א זי"ע

(נלב"ע ה' כסליו שצ"ב)

"לוּא הִקְשַׁבְתָּ לְמִצְוֹתָי וַיְהִי כַנָּהָר שְׁלוֹמֶךָ וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם..."

(ישעיהו מח יח)

"'לְמִצְוֹתָי' איז פון די לשון צוותא וואס ד.מ. זיך באהעפטן, לויט דעם איז די טייטש פון פסוק אזוי: "לוּ הִקְשַׁבְתָּ" - אז דו האסט צוגעוואַרט און צוגעהערט כדי צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס דו הערסט פון דיין חבר אין שוהל, וועט זיין דיין שכר, אז דיין לעבן וועט פלוסן ווי א טייך פון רוהיגע וואסערן..."

(די לשון פונעם מהרש"א ח"א ברכות ו א)



**אין די טעג דארפן מיר א ספעציעלע 'שמירה', לאמיר זיך מקבל זיין צו זאגן די ברכות השחר בחברותא אין שוהל, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די ברכה פון "ויהי כנהר שלומך וצדקתך כגלי הים". אמן.**

## פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

### שתים שהן ארבע

"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ" (כה כא)

רש"י טייטש די לשון פון די פסוק 'לנוכח אשתו', אז יצחק מיט רבקה האבן געדאווענט ביי די צוויי ווינקלעך פון די הויז, און מ'דארף טאקע פארשטיין: פארוואס האט יעדער פון זיי געדאווענט אין א אנדערע ווינקל?

ערקלערט דער ט"ז אין זיין ספר **'דברי דוד'**: די צימער וואו זיי האבן געדאווענט איז ענליך צו א מזבח, און אזוי ווי אז ביי די קרבנות דארף מען שפריצן צוויי מאל ביי די צוויי עקן וואס זענען אקעגן די פיר זייטן פונעם מזבח [='שתים שהן ארבע'], אזוי אויך ביי די תפילה פון יצחק און רבקה וואס איז געווען ווי א קרבן, האבן זיי געדאווענט ביי די צוויי ווינקלען פון די צימער כדי עס זאל פאר זיי גערעכנט ווערן ווי זיי וואלטן געשפריצט די בלוט אויף די פיר זייטן.

### נישט דערמאנען א נאמען פון א רשע ביים דאווענען

אין ספר 'ימין יוסף' טייטש דער גאון **רבי יוסף שימענאוויטש** - דער ראש השוחטים אין ירושלים אין די צייטן פונעם מהרי"ל דיסקין - די לשון פון די פסוק 'לנוכח אשתו', געבויעט אויפן מגן אברהם (או"ח קיט א) אז ווען מ'דאווענט אויף א קראנקן אין זיין אנוועזנהייט דארף מען נישט דערמאנען זיין נאמען און די נאמען פון זיין פאטער, לויט דעם פארשטייט מען, אז ווייל יצחק האט נישט געוואלט דערמאנען ביים דאווענען די נאמען פון בתואל דער פאטער פון רבקה וואס ער איז געווען א רשע, וועגן דעם איז ער געשטאנען אקעגן איבער זיין פרוי ביים דאווענען.

### וויאזוי זענען די אייניקלעך פונעם 'קדושת לוי' אנגענומען געווארן אין ראדין

"וַיֵּעָתֶר לוֹ ה'" (שם)

זאגט רש"י: פארוואס האט השי"ת אנגענומען נאר די תפילה פון יצחק? ווייל א תפילה פון א צדיק בן רשע [ד.מ. רבקה] איז נישט דאס זעלבע פון א תפילת צדיק בן צדיק [ד.מ. יצחק].

צוויי וואוילע און ערליכע בחורים האבן געוואלט אריינגיין לערנען אין די ישיבה פונעם חפץ חיים אין ראדין אויף דעם נייעם 'זמן אלול', נאר אלץ דעם שווערן גשמיות'דיגן לאסט האט די הנהלה זיי אפגעזאגט.

האבן זיי זיך געווענדן צו די וואוינונג פונעם חפץ חיים, דער צדיק האט זיי אויפגענומען מיט ליבשאפט, און זיך אינטערעסירט אויף זייערע איבערלעבענישן, אין די מינוט וואס ער האט געהערט אז זיי זענען אייניקלעך פונעם 'קדושת לוי' פון בארדיטשוב, האט ער באלד באפוילן מ'זאל זיי אננעמען אין די ישיבה.

ווען די מנהלים פון די ישיבה זענען געקומען און האבן זיך אפגערעדט אויף דעם, האט דער חפץ חיים זיי ערקלערט: מיר האלטן יעצט אין די פארברייטונגען צו דעם יום הדין, און יעדער איינער ווייסט ביי זיך אין הארץ ווי שטארק מיר דארפן צוקומען צו זכותים וואס זאלן העלפן אז די תפילות זאל אנגענומען ווערן. וועגן דעם וויל איך אז צווישן אונז זאלן זיך געפינען אייניקלעך פונעם בארדיטשובער רב זי"ע, ווייל ווען זיי וועלן זיין מיט אונז צוזאמען ביים דאווענען וועט זיכער ערוועקט ווערן דעם גרויסן זכות פון זייער זיידע - דער 'סניגורן של ישראל' און אזוי וועלן מיר זוכה זיין ביי דעם יום הדין.

'טיב המועדים' אלול-תשרי עמ' רצט, אין נאמען פון הגאון רבי וועלוויל טשעטשיק זצ"ל

### יצחק האט נישט געבעהטן וועגן זיך

נאך א הסבר אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט צוגעהערט נאר צו די תפילה פון יצחק זאגט דער **'כתב סופר'** (פר' ויצא):

יצחק האט נישט געדאווענט וועגן זיך, ווייל ער איז שוין אנגעקומען צו די מדריגה פון זיין 'השמח ביסורים', וואס ד.מ. זיך פרייען מיט די שוועריקייטן, ער האט נאר געדאווענט **'לנוכח אשתו'** - ווייל ער האט נישט געקענט צוקוקן צו די ווייטאג פון רבקה, וועגן דעם איז זיין תפילה אנגענומען געווארן, ווייל מיר האבן א כלל 'המבקש רחמים על חברו והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה' (ב"ק צב א).

### יעקב האט אכטונג געגעבן אויך אויף די 'שוואכע' מצוות

"וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב" (כה כו)

דער **"כלי יקר"** שרייבט: נאך בעפאר יעקב איז געבוירן האט זיך שוין דערקענט די אונטערשייד צווישן אים און עשו: עשו האט פארשמעט די בכורה ווייל עס איז נישט חשוב געווען אין זיינע אויגן, אבער יעקב 'אחז בעקב' - ד.מ. אז ער האט אינזין געהאט אויך אויף די מצוות וואס זעהן אויס ווי גרינגע. און טאקע אזוי, פון דעמאלטס ביזן היינטיגן טאג פירט דער שטן א מלחמה מיט יעקב און פראבירט אפשוואכן זיין אפגעהיטנקייט אויך אויף די מצוות וואס מענטשן טוהן זיי גרינג שעצן.

און דער **'רמ"ע מפאנו"** שרייבט (מאמר 'חקור הדין' ב טו) אז די הנהגה פון יעקב איז מרומז אין זיין נאמען וואס איז בגימטריה 182 - אזוי ווי צוויי מאל 'אמן', אויב אזוי איז דאך קלאר, אז די מצוה - כאטש איר גרויסע חשיבות - איז זיכער אז מ'קען עס אריינרעכענען צווישן די מצוות 'קלות' וואס מ'טוהט אין זיי גרינגשעצן, און ווייל יעקב איז געווען דבוק אין דעם איז זיין נאמען געווען 'יעקב'.

### יצחק איז מלמד זכות אויף די אידן

"וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו" (כה כח)

אסאך וואונדערן זיך: וויאזוי קען זיין אז אזא צדיק ווי יצחק אבינו האט נישט געוואוסט וואס עשו איז?

האט געזאגט **רבי פייבל פון בראדשין**:

מיין רבי דער **'באר מים חיים'** האט געהאט א זוהן וואס האט זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין, פון דעסוועגן האט ער מקרב געווען, און האט יעדן טאג געדאווענט אזא תפילה אויף אים:

"רבונו של עולם, קוק נאר צו וויאזוי איך פיר מיך מיט מיין זוהן כאטש וואס ער פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין... און איך בין נאר א בשר ודם, איז דאך זיכער אז דו אונזער באליבטער טאטע וואס איז א טוב ומטיב און א רב חסד זאלסט זיך אזוי אויפפירן מיט - די אידן - דיינע קינדער, אויך ווען זיי טוהן נישט חס ושלום דיין ווילן...".

לויט דעם, וועט מען גוט פארשטיין, אז דורך די ליבשאפט וואס יצחק האט געוויזן פאר עשו האט ער געקענט מלמד זכות אויף די אידישע דורות, און דאס איז מרומז אין די פסוק: "ויאהב יצחק את עשיו **כי ציד בפיו**", ד.מ. אז דורך דעם וועט ער האבן אין זיין מויל א לימוד זכות אויף די אידן. און טאקע אזוי, אין מסכת שבת (פט ב) ווערט געברענגט אז ווען דער אויבערשטער וועט זאגן פאר די אבות אז די אידן האבן געזינדיגט, וועט נאר יצחק אבינו טרעפן א וועג צו מלמד זכות זיין.

'דברי מאיר'

### דורך תפילה מיט כוונה שטארקט זיך יעקב אויף עשו

"הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" (כז כב)

בדרך מוסר לערנט פון דא ארויס דער **רבי ר' יהונתן אייבשיץ**: "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" - ווען יעקב דאווענט נאר מיט זיין קול אן קיין כוונה, איז דעמאלטס "וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - קען ער נישט זיך שטארקן אויף עשו מיט זיין תפילה.

'יערות דבש' ח"א דרוש ג

### א רמז אויף 'שמונה עשרה'

דער **'צמח צדק'** האט געזאגט: פארוואס דער ערשטער "הַקֹּל" שטייט 'חסר' [אן א וואו"ו] און דער צווייטער איז געשריבן מלא [מיט א וואו"ו]?

נאר פון דא איז א רמז אויף שמונה עשרה, וואס פריער זאגן מיר עס שטיל [-הקֹל] און נאכדעם זאגט עס איבער דער ש"ץ הויעך אויפן קול.

'אור תורה' פרשת וישב

## מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

### פון דאווענען מיט א מנין דערלייגט מען נישט!

ר' לייבוש איז געווען א באקאנטער עסקן, און זיין וואוינונג אין רודניק איז געווען א אדרעס פאר אלע פולישע אידן וואס האבן געדארפט צוקומען צו הילף ביי די רעגירונג, וואו ער האט דארט געהאט אפענע טיהרן.

יעדן טאג פלעגט ר' לייבוש ארויספארן פון רודניק אויפן וועג צו די הויפט שטאט ווארשא, דארט פלעגט ער זיך דרייען אין אלע אפיסעס פון די רעגירונג, ער פלעגט פארברענגען מיט די הויכע באאמטע, מיט זיי איז ער שוין באפריינדעט געווען פון יארן צוריק און ער האט גאר אסאך אויפגעטוהן פארן כלל ישראל.

א געטרייער חסיד איז ער געווען פון זיין רבי הרה"ק **רבי אליעזר דזשיקובער**, דער זוהן פון הרה"ק רבי נפתלי ראפשיצער זי"ע. אין די ימים טובים און אויך אין סתם א וואכן טאג פלעגט ער באזוכן ביים רבי'ן, פרעגן א עצה און בעהטן א ברכה, און זיך אנזאפן מיט די הייליגע הנהגות וואס ער האט דארט געזעהן.

איינמאל ווען ער האט געשמועסט מיטן רבי'ן אין עפעס א וויכטיגע ענין, איז פלוצלינג דער רבי פארקראכן פון דעם ענין וואס זיי האבן געהאלטן אינמיטן, און אים געבעהטן ער זאל אים ארויפלייגן זיין גאנצע סדר היום.

ר' לייבוש איז פארוואונדערט געווארן פון די פראגע, אבער ער האט באלד געענטפערט מיט הכנעה:

'באלד צופריה, ווען די מארגן שטערן שיינט אויף, שטעל איך מיך דאווענען שחרית, און נאכן עסן פת שחרית לאז איך מיך ארויס אויף די לאנגע וועג ביז ווארשא, דארט גייט מיר אריבער די טאג מיטן זיך אפגעבן און ערלעדיגן די אלע בקשות וואס קומען אן צו מיר. נאכמיטאג פאר איך אהיים...'

'און וואס איז מיט תפילה מיט א מנין?' - האט דער רבי אים אפגעהאקט מיט א פראגע.

אלץ א ענטפער האט ר' לייבוש געשטאמלט: 'ווען איך האב צייט געב איך אכטונג אויף דעם... אבער בדרך כלל דארף איך זיך יאגן... אז איך זאל נישט דערלייגן א באגעגעניש צי וואס...'

'אויף דאווענען מיט מנין איז מען נישט מוותר פאר קיין שום געלט אויף די וועלט!' - זאגט אים דער רבי מיט א פעסקייט, און לייגט צו: 'נעם דיך אונטער אז פון היינט און ווייטער וועסטו יעדן אכטונג געבן צו דאווענען מיט מנין, שחרית, מנחה און אויך מעריב, און איך וואונטש דיר אן אלעס גוט'ס און הצלחה'.

אין דעם מארגנדיגן טאג, ווי יעדן טאג איז ר' לייבוש ארויס פון זיין הויז, דאס מאל האט ער זיך געאיילט צום שכינות'דיגן בית המדרש, דארט איז געווען א מנין אויף שחרית ביים נץ החמה.

נאכן פארבייסן פת שחרית און בענטשן האט ער זיך געאיילט ארויס צו פארן קיין ווארשא. ווען ער איז אנגעקומען איז ער אריבער צו די אפיס פון איינעם פון זיינע נאנטע, א רעגירונג באאמטער וואס האט געהאט גוטע באציאונגען מיט די גרויסע לייט פון פוילן. ר' לייבוש האט דורך אים געוואלט ארויסהעלפן ר' דוד דער שניידער, וואס איז געווען א ערליכער איד, און האט געוואלט געווינען די לעציטאציע וואס די רעגירונג האט ארויס געגעבן אויף צושטעלן די שיינע קליידער פאר די רעגירונג'ס מענטשן.

אבער ווען ר' דוד איז אריין אין אפיס האט אים דער סעקראטער ענטפאנגען מיט ליידיגע הענט. 'עס טוהט מיר ווי דיר צו ענטוישן, אבער דער באאמטער איז שוין ארויס פאר א לאנגע צייט ערלעדיגן עטליכע זאכן, און נאר מארגן וועט ער דא צוריק קומען...'.

צובראכן אינגאנצן האט ר' לייבוש זיך געוואנדן צום טיר ארויס צוגיין, נאר פונקט אין די מינוט האט זיך געעפנט די טיר און ביים אריינגאנג איז געשטאנען נישט קיין צווייטער ווי דער באאמטער אליין וואס מיט אים האט ער זיך געוואלט טרעפן:

'וויאזוי האסטו געוויסט פונקט ווען צוקומען?!' - האט דער באאמטער געזאגט פארוואונדערט אינגאנצן, 'איך בין ארויס פון דא באלד אינדערפריה און איך וואלט געדארפט צוריק קומען נאר מארגן, אבער פלוצלינג האב איך מיך דערמאנט אז איך האב פארגעסן אין אפיס א וויכטיגע דאקומענט, וועגן דעם בין איך אריין געטאנצן אהער אויף א קורצע צייט און איך אייל מיך ווייטער צו מיין וועג'.

ר' לייבוש האט אויסגענוצט די עטליכע מינוט וואס ער האט געהאט און האט אראפ געלייגט פארן באאמטער ווי שטארק ס'לוינט זיך פאר די רעגירונג מ'זאל באשטעלן די ארבעט ביי ר' דוד דער שניידער. דער באאמטער האט זיך צוגעהערט און האט צוגעזאגט צו העלפן און ער האט פארגעזעצט זיין וועג.

**'כמה גדולים דברי צדיקים'** - האט ר' לייבוש געזאגט ווי צו זיך ווען ער איילט זיך צו די קומענדיגע באגעגעניש, געב נאר א קוק, ווען איך וואלט היינט נישט געדאווענט מיט מנין, וואלט איך נישט אנגעקומען אהער אין די ריכטיגע מינוט, און ווער ווייסט ווען וואלט איך אים געטראפן א אנדערע מאל.

דאס קומענדיגע באגעגעניש האט געדארפט זיין וועגן די פרשה פון חיים, א אידישער סוחר פון ראזוואדאב, וואס איז געשטאנען פאר זייער א שווערע משפט, אויף א נידריגע בלבול וואס זיינע גוי'שע קאנקורענצן האבן אויסגעטראכט.

אין ווארשא האט געוואוינט א געריבענער אדוואקאט וואס האט זיך גוט אויסגעקענט אין דעם ענין, און ר' לייבוש האט געוואלט אז ער זאל פארשטעלן דעם חיים ביי זיין משפט, אבער כדי די זאך זאל געלונגען האט ער ענדערשט געוואלט נישט צו רעדן מיט אים אליין, נאר דורך ר' פישל - א ווארשאווער איד וואס איז זייער באפריינדעט מיט דעם אדוואקאט.

ר' לייבוש האט זיך צוגעאיילט צו ר' פישל'ס הויז, אבער ער איז ענטוישט געווארן צו הערן פון זיין הויזגעזינד אז ער איז ארויס געפארן פון שטאט און זיי ווייסן נישט ווען ער וועט צוריק קומען.

'הכל בידי שמים' - האט ר' לייבוש געמורמלט צו זיך בעפאר ער האט זיך געוואנדן ערלעדיגן נאך עטליכע קלייניקייטן. דער ענין איז אים זייער וויכטיג געווען און ר' לייבוש האט געהאפט עס נאך היינט צו ענדיגן, וועגן דעם בעפאר ער האט געוואלט פארלאזן די שטאט האט ער נאכאמאל פראבירט זיין מזל, אבער אויך יעצט איז ר' פישל נישט געווען אין שטוב.

'איך וועל זיך אליינ'ס דארפן טרעפן מיט דעם לויער' - האט ר' לייבוש געטראכט פאר זיך אום צופרידן און האט זיך געאיילט צו זיין וועג. די זון האט זיך שוין געבויגן אויף די מערב זייט ווען ער דערמאנט זיך פלוצלינג וואס ער האט צוגעזאגט, וועגן דעם האט ער געמאכט א אום וועג און האט זיך אפגעשטעלט אין די שטעטל ראדום, ער גייט אריין אינעם שטאטישן שוהל, און אקעגן זיינע אויגן שפאצירט זיך א באקאנטן געשטאלט...

דאס איז געווען נישט קיין אנדערער פון זיין ידיד ר' פישל.

נאכן דאווענען האבן זיי זיך אראפגעזעצט שמועסן אין א ווינקל. ר' פישל האט צוגעהערט און האט אים געענטפערט ווי געראכטן: 'הער אויף צו דאגה'נען, די זאך איז שוין ערלעדיגט, מארגן וועל איך זיך טרעפן מיט דעם לויער, און איך וועל אפשמועסן מיט אים אז ער זאל פארשטעלן דעם חיים פון ראזוואדאב ביי זיין משפט.

טאקע אזוי, נאר איין טאג נאך וואס ער האט זיך אונטער גענומען אכטונג געבן אויף דאווענען מיט מנין אזוי ווי דער רבי האט אים געזאגט, האט ר' לייבוש זיך איבערגעצייגט אז פון דאווענען מיט מנין דערלייגט מען נישט - פארקערט, מ'פארדינט!

תפארת אבות עמ' קצא

עיצובים shay